טעגליכע

# וועטער באריכטע



ווי יעדער זעהט איז די ערווארטעטע שניי שטורעם איז אנגעקומען במלוא תקפו ובמלוא הדרו, די מאנסיער גאסן זענען שוין באדעקט מיט א גוטע 8 אינטשעס איבער נישט מער, און ס'קען נאך צוקומען דאפלט און אפילו מער, ביז היינט שפעט ביינאכט.

אין די קומענדיגע שעה'ן איז ערווארטעט גאר געדעכטע שניי וואס קען אראפקומען ביי א ראטע פון עטליכע אינטשעס פער שעה באגלייט מיט שטארקע ווינטן, וואס קען פאראורזאכן א "בליזארד" צושטאנד.

"קול הציבור" וועט פרובירן מיט אלע מעגליכקייטן ארויסצוקומען מארגן מאנטאג אזוי ווי געווענדליך, אבער צוליב די גאר שווערע וועטער קענען מיר נישט גאראנטירן אז ס'וועט אונז געלונגען.

ס'איז דא א מעגליכקייט אז די מארגענדיגע "קול הציבור" וועט זיין צו באקומען בלויז אויף בליץ פאסט, אין פאל ס'וועט אונז נישט מעגליך זיין ארומצופארן די שטאט עס ארויסצוטיילן איבעראל.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שניי זאל נישט שאטן פאר קיינעם חלילה; קיינער זאל נישט גליטשן, נישט אריינפאלן אין קיין דיטשן, קענען גרינג האלטן די קינדער אין קאנטראל אפילו זיי מוטשען, אדער ווען זיי קוויטשען, ווי אויך חלילה נישט שטערן די בני בית אין קיטשען, ונאמר אמן.